**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 6/2/2022 **גאווערנער קעטי האוקול**

**סטעיטמענט פון גאווערנער קעטי האוקול אויף דורכפירן גרונטליכע לעגיסלאטיווע פעקל צו פארשטערקערן ניו יארק׳ס רעוואלווער געזעצן און האלטן ניו יארקער אפגעהיטן**

״בלויז נעכטן נאכט איז א טויטליכער סעמי-אויטאמאטישע וואפן ווידעראמאל גענוצט געווארן אויף אכזריות׳דיג אויס׳הרג׳ענען אומשולדיגע ציווילע מענטשן, דאס מאל ביי א מעדיצינישע איינריכטונג אין אקלעהאומע. עס איז געווען א סצענע וועלכע איז שוין צו באקאנט אין דעם לאנד, אזאנס וואס מיר האבן שוין געזען איבעראל פון אוואלדע צו סענדי הוק, צו פארקלאנד, צו מיין היים שטאט. מיר קענען נישט ווייטער אזוי לעבן.

מיר קענען נישט זיין גענוג צופרידן מיט ניו יארק׳ס שוין פריער שטרענגע רעוואלווער געזעצן. שיסעריי נאך שיסעריי מאכט קלאר אז זיי מוזן זיין נאך שטערקער אויף צו האלטן ניו יארקער אפגעהיטן. די אויספירליכע פעקל וועט פארשליסן אלע לוּפּ-האָולס, געבן געזעץ אינפארסירער די מיטלען אין וואס זיי נייטיגן זיך אפצוהאלטן גרינגע צוטריט צו רעוואלווערס און אפשטעלן דאס פארקויפן געפערפולע וואפנס צו 18-יעריגע יוגנטליכע. איך בין דאנקבאר צו מאיאריטעט פירער סטווערט-קוזינס, ספיקער היעסטי, און אונזערע צוזאמארבעטער אין דעם לעגיסלאטור, און איך קוק ארויס אונטערצושרייבן די בילס אלס געזעץ.

אפילו בשעת מיר נעמען שריטן צו באשיצן ניו יארקער, אנערקענען מיר אז דאס איז א לאנד-ווערגרייזיגן פראבלעם. איך מוטיג קאנגרעס ווידעראמאל אנצוכאפן דעם מאמענט און דורכפירן באדייטנדע רעוואלווער געוואלדטאט אפהאלט מאסנאמען. מיר האבן נישט קיין צייט צו פארווענדן.״

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418